# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת צו, שבת הגדול, י' ניסן, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 26 (744)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:57
מוצאי שבת קודש............8:29

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................עזרא ו'
בבלי......................מנחות ע"ו
ירושלמי..............קידושין י"ג
תוספתא.................שבת י"ג
רמב"ם.....................תשובה ו'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה, דָאס אִיז דִי עוֹלָה וָואס בְּרֶענְט אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט. דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קְלֵיינֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, פַּאסִירְט אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערְפַאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז פוּן אָנְהֵייבּ אִיז דִי וֶועלְט גֶעוֶוען טוּנְקֶל אוּן פִינְסְטֶער, "וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פִילְט אַסַאךְ מָאל בַּיי זִיךְ אַז עֶס אִיז טוּנְקֶל בַּיי אִים, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, עֶר פִילְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן, אַז דַוְקָא דֶעמָאלְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִילְט אַזוֹי, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וָואס עֶר קֶען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דָאס אִיז דִי עִיקָּר מַעְלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער אַ מַלְאָךְ, אַז עֶר קֶען אַרַיינְכַאפְּן צוּ טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז אִים טוּנְקֶל אוּן שְׁוַוארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים וָואס בְּרֶענְגֶען פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג אָן אוֹיפְהֶער, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ. דֶער חִידוּשׁ אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ שְׁוֶועריְקַייטְן, אוּן עֶר פִילְט וִוי עֶס אִיז אִים שְׁוַוארְץ פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן, כַאפְּט עֶר אַרַיין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַהֲרֹן וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִּיק, זָאגְט פַאר דִי אִידְן, **זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה**, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה**, דִי עִיקָּר צַייט וֶוען דוּ קֶענְסְט בְּרֶענְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בַּייַנאכְט וֶוען עֶס אִיז דִיר אִינְגַאנְצְן טוּנְקֶל. דַוְקָא דֶעמָאלְט, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ דֶעמָאלְט שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, בִּיסְטוּ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז, **וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ**, אַז דֶער פֵייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענֶען אִין דִיר.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז דִי וָוארְט "מוֹקְדָה", שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען וִויל בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי, אוּן נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי גְרֶענִיצְן. דָאס מֵיינְט אַז אַמָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט אַן אַנְדֶער וֶועג צוּם מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט אַז עֶר זָאל וֶועלְן גָאר שְׁטַארְק בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל וֶועלְן טוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי נָאכְדֶעם זֶעט עֶר אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף, אוּן טוּט מֶער גָארְנִישְׁט. דֶערְפַאר שְׁטֵייט "מוֹקְדָה", מִיט אַ קְלֵיינֶע מֶ"ם, אַז דָאס בְּרֶענֶען דַארְף זַיין מִיט אַ גְרֶענִיץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן, אוּן אִיךְ טוּ עֶס. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט מַיין טַלִית וּתְפִלִּין, מִיט מַיין עֶסְן כָּשֵׁר'ס, מִיט מַיין הִיטְן שַׁבָּת, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם הֶעלְפְן אַז אַלֶעס וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַן אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד. (תּוֹךְ הַנַּחַל צַו תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ מְחַיָּ' פֶּסַח

יֶעצְט פֶּסַח וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי אַלֶע מִצְווֹת פוּן אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ, אוּן מֶען עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, יֶעדֶער אֵיינֶער טוּט דָאס מִיט זֵייעֶרֶע גוּטֶע מִנְהָגִים, טָאר מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דֶער עִיקָּר; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיינְס. אַמָאל קֶען פַּאסִירְן אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע הִידוּרִים אוּן חוּמְרוֹת - קֶען מֶען פַארְגֶעסְן פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַרַיינְקְרִיכְן אִין נַארִישֶׁע חָכְמוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, נִישְׁטָא גְרֶעסֶערְס פוּן דִינֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֶוען דוּ בִּיסְט בּוֹדֵק חָמֵץ זָאלְסְטוּ דָאס טוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ מִיט דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אוֹיךְ בַּיי שְׂרֵיפַת חָמֵץ, אוּן בַּיים בַּאקְן עֶרֶב פֶּסַח מַצוֹת זָאלְסְטוּ מִיט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער; וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט זֵיי אַרַיין אִין דֶעם, זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי הֲכָנוֹת אוּן צוּגְרֵייטוּנְגֶען צוּ דִי מִצְוָה - גֵייט זֵיי אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן - וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ טוּן אַלֶע מִצְווֹת.

נֶעם מִיט דַיינֶע בָּחוּרִים אוּן גְרוֹיסֶע זִין וֶוען דוּ גֵייסְט פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ בַּיים דַיָּין, זָאלְן זֵיי זֶען וִוי מֶען בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ אוּן מֶען פְרֶעגְט דֶעם דַיָּין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, לָאז זֵיי זֶען אַז אַ אִיד - וִוי קְלוּג מֶען אִיז - דַארְף מֶען אַ רָב, אַ דַיָּין, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ גֵיין פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת, זֵיי וֶועלְן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ו)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע פְרַאגֶעס וְכוּ'.

דוּ פְרֶעגְסְט ווִי לַאנְג בְּעֶרֶךְ זָאל גֶעדוֹיעֶרְן אַ סֵדֶר; טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט עֶס אַנְדֶערְשׁ, אֵיינֶער אִיז מֶער אַ זָרִיז - נֶעמְט אַלֶעס שְׁנֶעלֶער, אוּן בַּיי אַ צְוֵוייטְן - נֶעמְט אַלֶעס לֶענְגֶער; דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק מִיט אַ חַיוּת אוּן אַ טַעַם.

וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח - דַארְף מֶען דָאס מַאכְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן גֶעשְׁמַאק, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס לִיבּ הָאבְּן; וַוייל אוֹיבּ דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דִי מִצְוֹת מִיט אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן מִיט נֶערְוֶועזְקֵייט - אִיז דָאס גוֹרֵם זֵיי צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִידִישְׁקֵייט.

אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט; אַלֶע מִנְהָגִים, אַלֶעס אַלֶעס - זָאל גֶעטוּן וֶוערְן מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט פְרֵייד, דִי סֵדֶר נַאכְט, דִי הַגָּדָה, אָפְּגֶערֶעדְט דָאס הֲכָנָה פַאר פֶּסַח, דָאס אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ, דָאס כַּשְׁרְ'ן, דָאס בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶעס זָאל גֶעטוּן וֶוערְן מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט טַעַם, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וַוארְטְן אוֹיף דֶעם, זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְקוּקְן אוּן פְרֶעגְן: 'וֶוען קוּמְט שׁוֹין פֶּסַח? וֶוען גֵייט מֶען שׁוֹין כַּשְׁרְ'ן? וֶוען גֵייט זַיין דִי סֵדֶר נַאכְט', אַז נִישְׁט לוֹיפְן דִי קִינְדֶער אַוֶועק, זֵיי ווִילְן נִישְׁט הֶערְן פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, דִי צַד הַטוּמְאָה לָאקֶערְט זֵייעֶר אוֹיף דִי יוּגְנְט, זֵיי שְׁטֶעלְן אַ פָּנִים ווִי זֵיי הָאבְּן לִיבְּשַׁאפְט, זֵיי קוּמֶען מִיט אַ פָּנִים אַז בַּיי זֵיי אִיז דָא וַוארֶעמְקֵייט אוּן גֶעפִיל, אוּן דִי יוּגְנְט וֶוערְט צוּ זֵיי צוּגֶעשְׁלֶעפְּט הַשֵּׁם יְרַחֵם; דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין וַוארֶעם, דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען ווִי טַאטֶע מַאמֶע לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם; אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, זֵיי וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

יז. כְּשֶׁרוֹאֶה אוֹ שֶׁשָּׁמַע אֵיזֶה יִסּוּרִין שֶׁבָּא עַל גּוֹי, יְהַרְהֵר בִּתְשׁוּבָה. וֶוען מֶען זֶעט אָדֶער מֶען הֶערְט עֶפֶּעס יִסּוּרִים וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ גוֹי, זָאל מֶען טְרַאכְטְן פוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

יח. הַדָּר בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שָׁרוּי בְּלֹא עָוֹן. דֶער וָואס וואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לֶעבְּט אָן עֲבֵירוֹת.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת בַּיים טוּן דִי מִצְוֹת, הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת.

וֶוען דוּ עֶסְט דִי מַצָּה אוּן דוּ טְרִינְקְסְט דִי ד' כּוֹסוֹת זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן: 'אַהּ, אַ מְחַיֶּה, אִיךְ טוּ דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'; דִי כַּוָּונָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע כַּוָּונוֹת, נִישְׁטָא הֶעכֶער פוּן טוּן דִי מִצְוֹת מִיט אַ תְּמִימוּת. אַמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דֶעם אִיד ר' יוֹסְקָא"; אִין דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד, אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט קַיין סַאךְ, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת אוּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ דַאוֶונֶען, אַסַאךְ זָאגְן תְּחִינוֹת וּבַקָּשׁוֹת, אָן חָכְמוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מְקַנֵּא אַזַא אִיד, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט עֶסְן חָמֵץ, אִיךְ זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ"; וַוייל נָאר מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, אוּן אוֹיבּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען קֶען אַלֵיין אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מִתְפַּלֵּל - קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם נִכְשַׁל וֶוערְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי דָוִד מִמִּיקוֹלַייְב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן מַאכְן וַויין פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע כַּוָּונוֹת, אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי גְרֶענִיץ, אוּן דֶער וֶועכְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דִי וַויין אוּן עֶס גֶעמַאכְט יַיִן נֶסֶךְ. רֶבִּי דָוִד אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסֶער זִיךְ, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "ווִי קֶען זַיין אַז נָאכְן זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן נָאכְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי אַרְבֶּעט אַזוֹיפִיל פְּלָאג אוּן אַזוֹיפִיל הַארְץ - זָאל דָאס פַּאסִירְן?" הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב אוּן צוּ וֶוערְן נִיצוֹל פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן אוּן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ. אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן. הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ו)

# לֶעבּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רמה)

## שְׁנַת תקס"ט

### תתא

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס יָאר (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תי"ט), אָבֶּער דָאס יָאר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען פַארְדֶעם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיךְ שְׁטָאטִישֶׁע אַיינְוואוֹינֶער אוּן מֶענְטְשְׁן פוּן דִי אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ גֶעסְט, אוּן צוּזַאמֶען זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט אִידְן.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן תּוֹרָה, סְפֶּעצְיֶעל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹלָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער גֶעהָאלְפְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט יָא גֶעזָאגְט תּוֹרָה, דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיטְל נַאכְט, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן דֶעמָאלְט אוֹיף דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דַאן גֶעוֶוען דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן פְרַייטָאג, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"א, ד') "תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן א'), דִי תּוֹרָה הֵייסְט "תִּקְעוּ מֶמְשָׁלָה", זֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוייניג.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אֲרִיכוּת, וִוי זַיין הֵיילִיגֶע פָּארְכְטִיגֶע שְׁטֵייגֶער, וואוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיעֶרְן וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הֶערְן דִי תּוֹרָה.

### תתב

זוּנְטָאג, ד' תִּשְׁרֵי, הָאט רֶבִּי נָתָן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, נִישְׁט בַּיים רֶבִּי'ן, וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַטְרִיחַ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶר זָאל מִיטְהַאלְטְן דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז פַארְנַאכְטְס אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעוִויזְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט, "אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט", דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גוּט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי תּוֹרָה.

דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ר' אַבְרָהָם פֶּעטֶערְבּוּרְגֶער, וָואס עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ שְׁרַייבְּן תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט צוּ וַוייזְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט".

### תתג

מָאנְטָאג, ה' תִּשְׁרֵי, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין בְּרוּדֶער ר' יְחִיאֵל עֶר זָאל פָארְן קַיין מֶעזְעבִּיזְשׁ צוּם צִיּוּן פוּן זֵייעֶר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִים, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ.

ר' יְחִיאֵל הָאט גֶעהַאט זַיין אֵייגֶענֶע פְּרִיוַואטֶע פֶערְד אוּן וָואגְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט צוּ קֶענֶען אַלֵיין פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען ר' נַפְתָּלִי הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' יְחִיאֵל צוּ פָארְן צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעוָואלְט מִיטְפָארְן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן ר' יְחִיאֵל אַז עֶר זָאל אִים מִיטְנֶעמֶען. <<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ סֵדֶר אִינְדֶערְהֵיים?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן מִיטְ'ן וַוייזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן פֶּסַח אַ סֵדֶר אִינְדֶערְהֵיים?

אִיךְ בִּין פוּל מִיט סְפֵיקוֹת; וִוי אַזוֹי זָאגְט מֶען דִי הַגָּדָה? שְׁטַייט, שְׁנֶעל, מִיט טַייטְשׁ, אָן טַייטְשׁ? וֶוען דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם, פוּן פַּרְעֹה אוּן דִי צֶען מַכּוֹת? בִּשְׁעַת דִי הַגָּדָה אָדֶער בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ? וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אוֹיף זִיכֶער וִויפִיל עֶס אִיז אַ כְּזַיִת פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי וַוייבּ, פוּן דִי מַצּוֹת אוּן דִי מָרוֹר? זָאל אִיךְ הַאלְטְן אַ וָואג אוֹיפְ'ן טִישׁ, אַזוֹי וִוי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן טוּעֶן, אָדֶער נִישְׁט? אִיךְ טְרַאכְט אֶפְשָׁר אַז דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען צוּ נֶערְוֶועןְ בַּיים סֵדֶר.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג דִי הַגָּדָה מִיט חַיּוּת אוּן שִׂמְחָה, הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רא) אַז פֶּסַח שְׁרֵייט מֶען בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן בַּיי דִי הַגָּדָה, אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען מוֹחִין צוּ וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אייבערשטער אִיז דָא; דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן שְׁנֶעל, שְׁטַייט, מִיט טַייטְשׁ, אָן טַייטְשׁ, דֶערְצֵיילְן דִי מַכּוֹת וְכוּ' - דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם לוֹיט וִוי עֶס שְׁטִימְט מִיט זֵיי, דֶער עִיקָר עֶס זָאל זַיין מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט חַיּוּת, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר; מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן עִיקָר - טָפֵל אוּן פוּן טָפֵל - עִיקָר.

מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין וָואגְשָׁאל, מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן דִי נֵייעֶ זַאכְן, דֶער עִיקָר אִיז דִי שִׂמְחָה אוּן דִי חַיּוּת אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זִיצְן נָאךְ אַ פֶּסַח מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גַאנְצֶע פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז מְגַלֶּה (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:), פֶּסַח בַּיינַאכְט קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל מִיט אַלֶע מַלְאָכִים צוּ אַלֶע שְׁטִיבֶּער, אוּן זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי סֵדֶר נַאכְט וִוי מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן פוּן עַצְבוּת אוּן כַּעַס, וַוייל פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, אוּן צַדִּיקִים זָאגְן, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אָן פֶּסַח בַּיינַאכְט דִי 'סֵדֶר נַאכְט'? וַוייל עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ הֵיילִיגְקֵייט פוּן הִימְל אוּן עֶס בְּלַייבְּט אוֹיפְן גַאנְצְן יָאר, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ פֶּסַח בַּיינַאכְט - אַזוֹי וֶועט זַיין דִי יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ו)

<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

צוּם עֶרְשְׁט הָאט ר' יְחִיאֵל נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין פֶּערְד אִיז שְׁוַואךְ, אָבֶער נָאכְ'ן זִיךְ שְׁטַארְק אַיינְבֶּעטְן הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט אַז זֵיי בֵּיידֶע פָּארְן קַיין מֶעזֶעבִּיזְ'ש צוּ מִתְפַּלֵל זַיין בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע פַּארְ'ן רֶבִּי"ן, אִיז עֶר אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוּן אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן מִיטְצוּפָארְן, אָבֶער יֶעצְט הָאט שׁוֹין ר' יְחִיאֵל גֶעזָאגְט קְלָאר אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען בְּשׁוּם אוֹפָן. הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיר וֶועט מִיר זִיכֶער מִיטְנֶעמֶען", הָאט אִים ר' יְחִיאֵל גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי זִיכֶער אַז אִיךְ וֶועל אַייךְ מִיטְנֶעמֶען?", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וַוייל אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן בִּיז אִיר וֶועט מִיר מוּזְן מִיטְנֶעמֶען".

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶר הָאט לְמַעֲשֶׂה מַסְכִּים גֶעוֶוען אִים אוֹיךְ מִיטְצוּנֶעמֶען, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן אַלֶע דְרֵיי אִינְאֵיינֶעם קַיין מֶעזֶעבִּיזְ'ש.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# אויסצאלן די איינגעשטעלטע אויף יום טוב

גלייך נאך פורים האט זיך אנגעהויבן די יערליכע מלמדים קאמפיין, אויסצוצאלן אלע איינגעשטעלטע אויף יום טוב פסח, אז זיי זאלן קענען צוגיין צום יום טוב מיט רואיגקייט פון פרייליכקייט. אנשי שלומינו האבן זיך אנגערופן זייער ווארעם צום קאמפיין, אבער עס פעלט נאכאלץ גרויסע סכומים צו קענען אנפילן דעם לאך, און געבן די הרחבת הדעת און שמחת יום טוב פאר די געטרייע איבערגעגעבענע איינגעשטעלטע, וואס געבן אוועק זייער לייב און לעבן פאר די טובה פון די טייערע קינדער, זיי זאלן קענען צוגיין צום יו"ט מיט רואיגקייט און שמחה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אסאך געבעטן אז אנשי שלומינו זאלן צולייגן א האנט צו קענען אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע אין די מוסדות אויף יום טוב, אין כמעט יעדע מכתב יומי האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעשריבן עטליכע ווערטער אז מען זאל העלפן מיט דעם צוועק, אין איין בריוו האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן ביים סוף, "איך האב נאך אסאך צו שרייבן, אבער איך בין איבערגעשטרענגט פון שאפן געלט צו באצאלן מיינע און דיינע ארבייטערס; די מלמדים, די טיטשערס, די אפיס פון אונזערע קינדער אין תלמוד תורה און בית פיגא. קענסט מיר נאך העלפן איך זאל קענען גיין צום סדר און האבן אויסגעצאלט אלע מלמדים און טיטשערס וכו'; פארבינד זיך מיט אברהם משה שטראססער נרו יאיר, ער העלפט מיר שאפן געלט צו קענען באצאלן אלע מלמדים, טיטשערס, אפיס וכו'.

מען קען זיך נאך אנשליסן אינעם קאמפיין, ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות, און מיט דעם אויך ארויסהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א, און זיך אליין און די אייגענע קינדער, דורכ'ן רופן דעם מנהל המוסדות שליט"א אויף 917-578-0495 און איבערלאזן א מעסעזש, זיך אנרופן ווארעם ארויסצוהעלפן אונזערע שותפים, די וואס העלפן אונז אויפציען אונזערע קינדער פאר ערליכע אידן.

# מסיבת רענט קאמפיין געקרוינט ב"ה מיט הצלחה

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט זענען אנשי שלומינו זיך צוזאמגעקומען צו א הערליכע סעודת ראש חודש און מסיבת "הכרת הטוב" וואס איז אהערגעשטעלט געווארן לכבוד די אלע טייערע אינגעלייט וואס נעמען אנטייל און העלפן באצאלן די רענט פאר די בנינים פון די הייליגע מוסדות במשך די גאנצע יאר.

די "רענט קאמפיין" ווערט אנגעפירט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דורך מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו וועלכע טראגן דעם עול און העלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט פאר די בניני הישיבה והמוסדות, און נאך פילע וואוילטעטיגע אקטיוויטעטן. די צוויי חשובע אינגעלייט ווערן אויפגענומען מיט גרויס ווארעמקייט יעדן חודש דורך אנשי שלומינו, וועלכע שפירן א זכי' צו קענען צולייגן א פלייצע און ארויסהעלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט, וואס מיט דעם נעמען זיי אראפ טייל פון די פינאנציעלן עול וואס ליגט אויפ'ן ראש ישיבה שליט"א, אז דער ראש ישיבה שליט"א קען זיך אפגעבן מיט מער הרחבת הדעת מיט אונז, אריינצולייגן אין אונז די עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן, אונז מקרב זיין צום אייבערשטן און אונז שטארקן מיט תורה און תפלה און חיזוק אנצוגיין אין לעבן.

דער חשובער גבאי מו"ה שבתי מארקוס הי"ו האט אריינגעפירט דעם מעמד זיך באדאנקנדיג פאר אלע וואס העלפן ארויס די גאנצע יאר, מען האט געהערט א הערליכע דרשה פונעם דיין שליט"א. דערנאך האט מען געהערט א שפאנענדע דרשה פון מו"ה מעכי ראזענפעלד הי"ו וואס האט ווי יאר יערליך גאר שטארק מהנה געווען און באצויבערט דעם עולם מיט דראמאטישע משלים און עמאציאנעלע סצענעס. דאן האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון דעם טאג פון ראש חודש ניסן, יום הקמת המשכן, וואס חז"ל זאגן אז עס איז אזוי גרויס ווי דער טאג ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און עס איז דער טאג ווען דער הייליגער רבי איז געבוירן געווארן, וואס זיינע הייליגע לימודים באלייכטן די וועלט ביז'ן היינטיגן טאג. דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעגאנגען אינעם ליל שישי שיעור, ארומגערעדט פון די ערשטע רש"י פון די פרשה, אז פאר אלע דיבורים און אמירות דארף קודם זיין לשון חיבה, דאס איז א וויכטיגע זאך וואס מען דארף האבן פאר חינוך פון די קינדער, פאר שלום בית, און פאר'ן גאנצן לעבן. און אזוי ווייטער גאר א הערליכע שיעור התחזקות. מען קען הערן די דרשה אויף "קול ברסלב".

נאכ'ן בענטשן האט מען אויסגעפרעגט פארשידענע שאלות פונעם עולם, צו הערן די מיינונג פון אנשי שלומינו אויף פארשידענע נושאים, אויף א פרייליכן געשמאקן פארנעם. דער עולם האט ברוך ה' זייער הנאה געהאט פונעם הערליכן געשמאקן פראגראם.


## בית התבשיל

### קמחא דפסחא

העלפט ארויס צענדליגע אנשי שלומינו
אריינברענגען דעם יום טוב, רופט היינט
917-589-3382


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יוסף שניטצלער** שליט"א קרית ברסלב
מגיד שיעור אין אונזער הייליגע ישיבה
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו ברסלב
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **נחמן נתן יאקאבאוויטש** הי"ו

***

מו"ה **יוסף לייב קויפמאן** הי"ו טשעסטער
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **עזרא משה קויפמאן** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יואל וועבער** הי"ו קרית יואל

***

מו"ה **יודל טירנויער** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחת החתונה פון
זיין טאכטער עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **יצחק אפפעלבוים** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
החתן **יוסי אפפעלבוים** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **שאול חיים איינהארן** הי"ו סטעטן אײלענד


## הכנה לפסח

שיעורים, דרשות, הלכה, הגדה, שיר השירים, זיך צוצוגרייטן צום הייליגן און פרייליכן יום טוב פסח
קול ברסלב
212-444-9191
1, 1, 9, 6

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
718-387-2691
און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876